טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

# מאמר התחזקות

**א רייכע אוצר פון הלכה, חיזוק, מעשיות, אויף שמירת עינים**

שנה ח | גליון 127 | פורים תשפ"ד לפ"ק




## א ליסטיגן 'כשר'ן' פורים

ס'איז באקאנט דאס ווערטל אז די וועלט פארדרייט די יוצרות מיט די צוויי סארט פאפולערע ברכות; בעפאר פורים וואונטשט מען זיך 'א פרייליכן פורים', און בעפאר פסח וואונטשט מען 'א כשר'ן פסח', אבער באמת וואלט מען זיך געדארפט וואונטשן פונקט קאפויער.

פארוואס טאקע?! ווייל דער פורים וועט בעז"ה סייווי זיין ליסטיג און בשמחה, מ'קען שטעלן דעם פורים אויף דער חזקה אז ס'וועט זיין גאר פרייליך. וואס מ'דארף יא מתפלל זיין איז אז ס'זאל אויך זיין 'א כשר'ן פורים'! ס'זאל זיין אפגעהיטן און הייליג. ערליך און דערהויבן.

ווידעראום דער פסח וועט בעז"ה זיין כשר, נאך די אלע הכנות וואס אידישע קינדער מאכן מיט אזויפיל פלאג און שווייס איז זיכער אז ס'וועט זיין א כשר'ער יום טוב. מ'דארף נאר האפן אז ס'זאל אויך זיין 'א פרייליכער פסח', אן קיין איבריגע אנגעצויגנקייט און כעס חלילה.

דאס יאר, תשפ"ד, האבן מיר באזונדער לאנג אויסגעווארט אויף דעם פרייליכן יום טוב, מיט א פולן חודש לענגער ווי געווענליך, אבער **ב"ה אז מיר שטייען שוין אט דא**, ווען מיר גרייטן זיך אריינצוטרעטן אין די סאמע פרייליכסטע צייט פונעם יאר, דער געהויבענער יום טוב פורים הבא לקראתינו לשלום.

אינאיינעם מיט אונזער ערווארטונג און האפענונג אז דער יום טוב זאל בעז"ה זיין 'א פרייליכער פורים' ביי אידישע קינדער בכל מקומות מושבותיהם, לאמיר אויך זיך אפשטעלן אויף א ווייל און מאכן די ריכטיגע הכנה אז **דער יום טוב זאל אויך זיין 'א כשר'ן פורים', מיט א ליכטיגע קדושה**, מיט הייליגע אויגן און מיט א הייליגע הארץ, אז די גרויסע הויכע קדושה פון דעם פורים זאל אונז אלעמאל באגלייטן.

## דאס וויכטיגקייט פון 'טראכטן' בעפאר דעם הייליגן יום טוב

אן אינטערעסאנטע באגריף געפינען מיר ביי דעם יום טוב פון פורים, אז די זאך פון 'הכנה', די מושג פון 'זיך צוגרייטן', איז אן אינטעגראלער טייל פונעם יו"ט, ווי חז"ל שטעלן אראפ דעם כלל פון 'משנכנס אדר', אז שוין וואכן בעפאר דעם פורים דארף מען אנהויבן מאכן 'איבונגען' צו קענען מקיים זיין דעם מצוות היום בשלימות.

נו, אויב אזוי איז דאך נישט מער ווי רעכט אז ווען ס'קומט צו דעם ענין פון קדושת עינים, איז אודאי א געוואלדיגע תועלת אז מיר זאלן זיך איינפאך אוועקזעצן צו 'טראכטן פון פריער', נאך איידער דער פורים קומט אריין און מ'פאלט אריין אין דעם געיעג פונעם טאג, ווען מ'האט שוין נישט די ישוב הדעת.

ס'איז פשוט אן עצה טובה זיך צו אוועקזעצן פון פריער און זיך מתבונן זיין "**וואס**" זענען די נסיונות און "**וויאזוי**" קענען מיר זיך אמבעסטן ספראווען דערמיט, כדי צו פארזיכערן אז בעז"ה גייען מיר אריין מיט די פאסיגע הכנה און שטארקייט צום הייליגן יום טוב.

אין די קומענדיגע שורות לאמיר אלזא אינאיינעם כאפן א שטיקל בליק, סיי אויף די ספעציעלע נסיונות וואס קומען אונטער אין דעם זמן, און סיי אויף די פאסיגע מהלכים און די ריכטיגע כלים, וויאזוי מיר קענען דאס לייכטערהייט פארמיידן און דורכגיין דעם גרויסן טאג מיט לעכטיגע אויגן און מיט א חיים של יראת שמים, בשמחה ובטוב לבב!

## תוכן הגליון

**אן אפגעהיטענער פורים** ____ זייט 1-5
**אכט מאל פופציג** ____ זייט 3
**כל פושט יד נותנים לו** ____ זייט 5
**כרצון איש ואיש** / ברווז פון לייענער ____ זייט 6
**קורצע עצות** / איבער געגעבן דורך די לייענער ____ זייט 7




## צוערשט, א קלארקייט אין דער מציאות

צום אלעם ערשטן איז כדאי צו אויסשמועסן וואס איז טאקע די סיבה פארוואס אין דעם הייליגן טאג קען אויסקומען אז מ'זאל זיך אנשטאלפערן אין שוועריקייטן ווען ס'קומט צו דעם ענין פון קדושת עינים.

פורים איז א צייט וואס אידישע קינדער דרייען זיך איבער די גאסן... יעדער געפינט זיך אינדרויסן, אנשים נשים וטף, ס'איז דאך פורים אויף דער וועלט... מען טראגט משלוח מנות, מען קומט און מען גייט צו יזידע/באבע, און משפחות קומען זיך צונויף צו פראוון די סעודת פורים 'משפחה ומשפחה'. אזוי ארום אז ס'איז פשוט פראקטיש אז אין די עטליכע שעות באגעגנט מען זיך מיט גאר אסאך נסיונות לגבי שמירת עינים.

שוין אפגערעדט אז די טייערע אידן וואס גייען נאך געלט און דארפן אריינגיין אין די הייזער, ווערלן זיך בהכרח אנשטויסן אין פעלער וואס מ'דארף אן איבעריגע דאזע פון שטארקייט זיך צו האלטן פעסט און אפהיטן די אויגן. אסאך מאל איז עס די רעדע פון בחורים און אינגעלייט וואס אגאנץ יאר קומט זיי ניטאמאל אויס צו זען עפעס אנדערש ווי די כותלי ביהמ"ד, ואשרי חלקם, אבער פורים, ווען מען לויפט ארום נאך געלט, האקט מען זיך פלוצים אריין אין פרישע נסיונות, וואס מען איז ניטאמאל צוגעוואוינט דערצו און מ'דארף צומאל א היבש ביסל התגברות זיך צו דערהאלטן מיט א שלימות'דיגע קדושה און שמירת עינים.

דאס איז אויסער דעם פאקט אז פורים קומט באגלייט מיט א פרייליכע געמיט פון 'משתה ושמחה', מען איז בגילופין און גוט אויפגעלייגט, אזוי ארום אז ס'קען זיך דוכטן כאילו מ'קען דעמאלט נישט טראגן דעם 'עול' פון שמירת עינים...

פורים האט אויך די אייגנשאפט אז עס שפילן זיך פילע אינטערעסאנטע פאסירונגען אין אלע ווינקלען... דאס ערוועקט אויטאמאטיש די מענטשליכע נייגער צו ווערלן זען און קוקן רעכטס און לינקס, און אינצווישן שטעלט דער בעל דבר חלילה אהין וואס 'ער' וויל אז מ'זאל זען... עס פאדערט זיך דעריבער באזונדערע כוחות פון שטארקייט און קאנטראל אויף די אויגן.

## נקודה א'; א לויטערע תפלה העלפט וואונדערליך

אלע ווייסן די הייליגע ווערטער וואס ווערט געברענגט אין ספה"ק **יסוד יוסף** (פרק פ"א), און דערנאך דורך זיין תלמיד אין ספה"ק **קב הישר** (פרק צ"ז), אז די גאנצע סיבה פארוואס חכמינו ז"ל האבן קובע געווען דעם 'תענית אסתר' הארט איידער דעם יום טוב פורים, איז כדי מיר זאלן האבן די געלעגנהייט צו מתפלל זיין און זיך בעטן ביי השי"ת אז דער פורים זאל טאקע אריבערגיין הייליג און ערליך, ווי עס פאסט פאר אזא גרויסן זמן.

דער 'יסוד יוסף' לייגט נאך צו אז ווען מען זאגט די סליחות פון 'תענית אסתר' דארף מען איינזין האבן ביי דעם סליחה פון 'במתי מספר חלינו פניך', ווען מ'זאגט די ווערטער: "**שְׁמַע תְּפִלָּה וְהַעֲבֵר תִּפְלָה**", צו מתפלל זיין אז מ'זאל חלילה נישט צוקומען צו קיין שום עבירה ח"ו דורך דעם שמחת פורים!

האבן מיר אלזא די ערשטע און וויכטיגסטע שליסל; להקדים תפלה! יעדער איד קען זיך אראפנעמען די עטליכע מינוט בעפאר פורים און 'בו ביום', **פשוט צו בעטן דעם רבוש"ע, אז ס'זאל ביי אים זיין 'א כשר'ן פורים', אן קיין שום מכשולות און אן קיין שום נסיונות.** ס'איז קיין ספק נישט אז אזא תפלה ווערט נישט צוריקגעקערט ליידיג, נאר עס וועט פועל'ן דאס ריכטיגע, בדוק ומנוסה!

## נקודה ב'; לעבן מיט'ן העכערן געפיל בתוקף קדושת היום

צומאָל קען אונז דער בעל דבר פארדרייען א קאפ, כאילו די עבודה פון שמירת עינים איז חלילה א 'סתירה' מיט שמחה און דערהויבנקייט, אָבער דער אמת איז דאך ממש פונקט פארקערט! טאקע דורך די שמחה און טאקע דורך די געהויבנקייט קען מען זוכה זיין צו הייליגע אויגן!

דער ריכטיגער וועג וויאזוי א איד דארף צוגיין צו אזא טאג, איז מיט'ן מהלך וואס ווערט געברענגט אין ספרים הק' (ווי אויסגעשמועסט אין גליון טהור עינים (125) אז מ'זאל זיין פארנומען מיט'ן 'יא' אנשטאט מיט'ן 'ניין'. דהיינו, אז מ'זאל לעבן אין אזא טאג מיט דעם גודל קדושת היום, **מ'זאל אטעמען און שפירן דאס געהויבנקייט פון דעם יום טוב**, מען זאל זיך פרייען מיט אזא לעכטיגע טאג פול מיט מצוות און דערהויבנקייט, ווי מ'זעט עס טאקע בחוש ביי ערליכע אידן, ווי פורים געפינען זיי זיך ממש אין א העכערע אטמאספערע פון אהבת ה' און קרבת אלקים.

ווען מ'נוצט אזוי אויס דעם פורים, דאן פאלן פון זיך אליין אוועק די אלע נסיונות, עס פארנעמט שוין נישט קיין מקום בכלל! אויטאמאטיש ווען עס





קומט אינטער עפעס וואס טויג נישט, וועט מען פון זיך אליין 'נישט וועלן' אהינקוקן, **ווייל ווי קומט דאס אריין 'יעצט' איז אזעלכע הייליגע מאמענטן?!** פונקט ווי אינמיטן תקיעת שופר וועט קיינער אפילו נישט האבן קיין נסיון אויף שמירת עינים, דאס זעלבע קען א איד זוכה זיין אום פורים, אויב וועט ער געדענקן וואס די ספרים הק' זענען מפליג איבער דעם קדושת היום, אז ס'איז ממש ווי 'יום כיפורים'!

אז מ'לעבט דעם יום טוב מיט אזא בליק, פאסירט פון זיך אליינס אז אפילו ווען דער נסיון פאטשט אין פנים, טראכט מען גלייך במחשבה: **"ווי קען איך פארפאטשקענען אזא הייליגן טאג?! עס איז דאך היינט פורים, איך וויל בלויז ווערן נענטער צום באשעפער און נישט נענטער צום יצר..."** דער איד לעבט פשוט אין א צווייטע וועלט פון דערהויבנקייט און קדושה, ווי די **ספה"ק** טייטשן דעם פסוק "**אוהבי ה' - שנאו רע**" אז איינער וואס שפירט אן אהבת ה' אין הארץ, וועט ער אויטאמאטיש זיך עקלן און אפווייכן פון שלעכטס.

וויפיל מער מען גרייט זיך צום פורים מיט די ריכטיגע הכנה; וויפיל מער מען איז עוסק צו לערנען די ווערטער פון צדיקים איבער די קדושה פונעם יו"ט; וויפיל מער מ'הייבט אויף די השגה און דאס געפיל פאר'ן פורים; **אזויפיל וויניגער וועט מען בעז"ה האבן די נסיונות!** די אלע שוועריגקייטן וועלן פשוט נעלם ווערן און מ'וועט בעז"ה זוכה זיין צו א טאג פון קדושה וטהרה אויפ'ן שענסטן פארנעם.[1]

## נקודה ג'; פארמיידן די נסיונות ווי ווייט מעגליך

ווי פארשטענדליך דארף מען אויך מאכן א שטיקל פראקטישע חשבון, וויאזוי מען זאל זיך אומגיין אין אזא טאג, כדי נישט אריינצופאלן אין מצבים פון נסיונות

איינס פון די עיקר תחבולות דורך דעם יצר הרע איז, אז א איד זאל 'אריינפאלן' אין דעם טאג אן קיין רגע מחשבה פון פריער... אזוי איז אים פיל גרינגער צו באזיגן דעם מענטש חלילה. דעריבער איז ראטזאם צו מאכן א לאגישן פלאן בעפאר, און אויסרעכענען וואו מ'גייט אלץ גיין און וויאזוי זיך צו מסדר זיין אויפ'ן בעסטן אופן.

ס'איז זייער כדאי אז נאך איידער פורים זאל מען זיך פרובירן אויסשטעלן דעם טאג מיט **א מהלך אז מ'זאל נישט ווערן אויסגעשטעלט אזויפיל צו נסיונות.** געוויס איז נישטא דערביי קיין כללים, נאר יעדער איינער, לויט זיין מצב און לויט זיין סדר היום, דארף פרובירן דאס וויניגסטע זיך צו געפינען אויף מקומות וואס קען חלילה ברענגען שוועריגקייטן פאר די קדושת העינים.

## אין אדם שומע לי ומפסיד; מען דערלייגט גארנישט פון הייליגע אויגן!

רעדנדיג פון דער נקודה, איז וויכטיג צו געדענקן דעם קריטישן יסוד אז **פון זיך צוריקהאלטן צוליב שמירת עינים דערלייגט מען קיינמאל גארנישט!** ס'איז נישטא אזא מציאות אז מען האט געהאט סיי וועלכע שאדן פון זיך מאכן א גדר פאר א דבר שבקדושה!

---

1. ראה כתבי ר' משה מינדר: מרן מא"ד מלעכוויטש זי"ע שאל לרבנים שיאמרו לו ראיה משו"ע **שבמקום שיש שמחה אין גירוי היצר**, ואמר הוא זי"ע דאיתא בשו"ע (ב"ח יו"ד שצ"א ג) כשיש נשים בחדר אין לומר בברכת המזון 'שהשמחה במעונו' מפני שיש גירוי היצר ואין שמחה, ממילא מובן הפכו, שבמקום שיש שמחה אין שם גירוי היצר.

# אכט מאל פופציג

פאראיאר פורים האב איך געהאט א געוואלדיגע איבערלעבעניש, וואו איך ממש געזען דעם יד ה' ווי פון זיך היטן דערלייגט מען נישט. ומעשה שהיה כך היה:

דורכאויס פורים בין איך געגאנגען נאך געלט איבער די הייזער מיט נאך אפאר חברים פאר א וויכטיגן צוועק. מיר זענען אנגעקומען צום הויז פון א געוויסן נגיד, א איד מיט א ברייט הארץ, און איך האב געדענקט אז א יאר פריער האט ער מיר געגעבן א פופציגער - א שיינע נדבה. איך האב אבער אויך געדענקט נאך עפעס, אז ס'איז געווען א שטיקל תערובות ביים אים אין שטוב צווישן די געלטגייערס און דער משפחה. איך האב דערפאר מחליט געווען צו פארציכטן אויף דעם הויז. א כפרה דעם פופציגער, דער עיקר מיינע אויגן זאלן בלייבן ריין אין אזא הייליגן טאג. איך האב געלאזט מיינע חברים אליין אריינגיין, און איך האב זיי געזאגט אז איךווארט אויף זיי אונטן

אריינקומענדיג צום עושר אין שטוב, האבן מיינע חברים געזען אז ס'איז פנים חדשות באו לכאן. ער האט שיין אויסגעשטעלט זיין הויז היי-יאר צו היטן אויף אלע גדרי הצניעות, אן קיין שום חששות. מיינע חברים האבן מיך שנעל אריינגעקאלט, וועלנדיג זאגן אז איך קען רואיג ארויפקומען. דער אויבערשטער האט אבער אזוי געפירט אז איך האב נישט געהערט מיין סעלפאן קלינגען, און איך בין געבליבן ווארטן אונטן. נאך עטליכע מינוט זענען מיינע חברים ארויסגעקומען, און זיי האבן מיר איבערגעגעבן אז איך קען רואיג אריינגיין.

ארויפגייענדיג די טרעפ, באגעגן איך צוויי ידידים פון בית מדרש, וועלכע זענען געווען אויפ'ן וועג ארויף צו דעם נגיד ברענגען משלוח מנות און באגריסן לכבוד פורים. אז איך האב זיי געטראפן, האב איך זיי געבעטן א נדבה פאר'ן צוועק וואס איך גיי. רופט זיך עמיצער פון זיי אן: "ווייסטו וואס, לאמיר מאכן א געשעפט פון 'מעטשינג פאנדס'; וויפיל דער עושר גיבט דיר אזויפיל באקומסטו אויך פון אונז."

דער עושר איז שוין געווען אין א בגילופינ'דיגן מצב. זעענדיג זיינע צוויי חברים, האט ער ארויסגעשלעפט זיין וואטשער ביכל, אויסרופנדיג אז יעצט זאלן זיי אים "איבערנעמען" פאר א ווילע. זיי זאלן טיילן פונעם ביכל פאר אלע צדקה-גייערס...

נו, וואס קען זיין געשמאקער ווי טיילן פון יענעמ'ס ביכל... איך האב אויסגעשטרעקט מיין האנט, און יענער האט ארויסגעצויגן א הויפן פון אכצן-דאלארדיגע וואטשערס און מיר דערלאנגט. איך האב אפגעציילט די וואטשערס, און געזען אז אינאיינעם איז עס איבער הונדערט דאלאר. יעצט אז דער עושר האט שוין געגעבן "זיין נתינה", איז געקומען די צייט איינצוהאלטן דעם מעטשינג פאנדס דיעל, און איך האב געבעטן די צוויי אידן צוצופאסן זייער הונדערטער. זעט אויס די חברה האבן נישט געהאט קיין איבריגע צייט, און אנשטאט ציילן האבן זיי מיר אויסגעליידיגט א הויפן געלט פון קעשענע, וואס פוןביידע אינאיינעם איז עס אויסגעקומען $300, אזוי אז איך בין ארויס פון דארט מיט איבער פיר הונדערט דאלאר.

דאס איז מיר געווען א שטארקער מעסעדזש פון הימל. איך האב געמיינט ביי מיר אז איך דערלייג א פופציגער, אבער באמת האב איך באקומען אכט מאל אזויפיל!

יואל אלימלך מיילליש, וויליאמסבורג




צווישן די בלעטער פון די גליונות ווערן בעז"ה כסדר פארעפנטליכט ערשטהאנטיגע געשיכטעס וואס אידן שיקן אריין, ווען זיי האבן געזען בחוש דעם 'אין אדם שומע לי ומפסיד'. אינעם היינטיגן גליון ווען מיר אויך ברענגען עטליכע געשיכטעס וואס אידן האבן אריינגעשיקט וואס עס האט זיך מיט זיי אפגעשפילט אינעם יו"ט פורים.

די מעשיות זענען בלויז א ביישפיל פון הונדערטער אזעלכע סארט געשיכטעס, וואס אידן דערציילן אומאויפהערליך, ווי **מ'זעט קלאר אז פון פאלגן דעם רבוש"ע קען מען נישט קיין שאדן האבן חלילה.** ס'איז אלזא זיכער כדאי, סיי פראקטיש און סיי תורה'דיג, זיך צו אויסרעכענען דעם טאג מיט א רואיגקייט וואוסנדיג אז מען וועט גארנישט דערלייגן פון מקיים זיין דעם רצון ה'.

## נקודה ד': לאמיר נישט זיין אזוי נייגעריג!

ווי ערוועגט, איז א שטארקע סיבה פאר נסיונות אום פורים, דאס מציאות אז ס'איז דאך פרייליך אויף די גאסן און אין יעדן ווינקל איז דא וואס צו זען... אונזער נאטירליכע נייגער ברענט אין אונז און עס גיט אונז דעם געפיל אז ס'לוינט זיך נישט צו פארפאסן גארנישט...

ס'איז דעריבער קריטיש וויכטיג, אז ווען דער הייליגער יום טוב קומט צוגיין, זאל מען ביי זיך באשליסן מיט א פעסטע החלטה אז "אויב וועט זיין א פלאץ וואו ס'קען אונטערקומען נסיונות, דעמאלט גיי איך נישט זיין נייגעריג! איך בין בכלל נישט פאראינטערעסירט צו קוקן וואו מ'ברויך נישט, זאל זיין וואס זאל זיין!".

## נייגעריגקייט; דער אלטער 'טריק' פון דעם מלך טיפש

שטייענדיג ביים יו"ט פורים, איז טאקע אינטערעסאנט צו אנמערקן א פלא'דיגע זאך וואס עס שרייבט דער הייליגער **חוות דעת** אין זיין פירוש '**מגילת סתרים**' אויף דער מגילה, וואו ער לייגט אראפ באזירט אויף מדרשי חז"ל, אז אט דער 'טריק' פון מאכן דעם מענטש נייגעריג און אזוי אים שלעפן צו זען נישט גוטע זאכן, איז אייגנטליך שוין באנוצט געווארן דורך אחשורוש ביי זיין גרויסער סעודה אין שושן.

דער מגילת סתרים ברענגט פונעם **מדרש** (אסתר רבה פ"ז ועוד) אז אחשורוש האט אוועקגעשטעלט ראיות אסורות פארנט פון די אויגן פון די באטייליגטע ביי דער סעודה. אבער ער האט דאך געוואוסט אז סתם אזוי וועלן אידן נישט קוקן אויף אזעלכע זאכן, דעריבער האט ער פאר דעם צוועק, פאראראדנט צו מאכן די טייערסטע פירהאנגען מיט די שענסטע קאלירן, אויפגעהאנגען מיט די הערליכסטע שטריק אויף זילבערנע און מארמארנע זוילן - **אלעס כדי צו ציען דאס אויג!**

דער רשע אחשורוש האט דירעקט געוואלט ערוועקן די נייגער פון די אנוועזנדע, אז זיי זאלן זיין פארנומען צו זיך ארומקוקן אויף די אויג פארכאפנדע זאכן, און דעמאלטס וועט מען שוין זען דאס וואס ער וויל אז מ'זאל זען, רחמנא ליצלן!

דער חוות דעת שרייבט ווייטער, אז אויך די סעודה פון ושתי האט געדינט דעם זעלבן ציל. די משתה נשים איז דירעקט געפראוועט געווארן סמוך ונראה צום חצר גינת ביתן המלך, וואו די מענער זענען געזיצן, כדי מ'זאל קענען אריינקוקן און נכשל ווערן מיט ראיות אסורות. מיר געפינען אויך אין מדרש אז די פירהאנגען זענען געווען געמאכט מיט לעכער. גאנץ מעגליך אז דאס איז אויך נישט געווען ממש פאר שיינקייט, נאר **טאקע צו ערוועקן די נייגער פון די באטייליגטע** אז זיי זאלן קענען אריבערזען צו דער עזרת נשים (ספר פרסומי ניסא מדור אוצר המנוצר).

ליידער, געפינען מיר אין די מדרשים, האט אחשורש'נס פלאן געשלאגן ווארצלען. איבער אכצן טויזנט אידן פון שושן האבן זיך געלאזט אריינשלעפן אין זיין נעץ (ילקוט שמעוני רמז תתרנ"ז). זיי האבן מיטגעהאלטן דער סעודה, און נכשל געווארן מיט הארבע עבירות רח"ל, נישט וואוסנדיג אז דער רשע וטמא האט זיי דא פארנארט מיט אביסל 'נייגעריגקייט', וואס דאס האט געברענגט דעם הארבן עונש, 'מפני שנהנו מסעודתו של אותו רשע'.

אויב אזוי איז דאך געוויס 'מדה טובה מרובה', ווען אידן שטארקן זיך אין אזא טאג ווי פורים, זיך צוריקצוהאלטן פון דעם נאטירליכן נייגער געפיל, איז דאס די גרעסטע קלאפ '**להשיב מחשבתו הרעה אשר חשב על היהודים**', און צו ברענגען אלע ליכטיגע השפעות פון דעם קדושת היום!

## נקודה ה': די טויערן זענען אפן, מ'קען פועל'ן ישועות!

בנוסף צו דעם אלעם, איז זייער כדאי אז מיר זאלן לעבן מיט א גאר וויכטיגע נקודה, וואס קען אונז שטארק באגלייטן במשך דעם גאנצן פורים.

מיר אלע ווייסן וואס **צדיקים** האבן מפליג געווען איבער די אויסטערלישע קדושת היום, ווי





ווייט יעדער איד האט אום פורים דעם כח פון "מה שאלתך וינתן לך", **יעדער איד קען אין דעם טאג פועל'ן ישועות און רפואות פאר אידישע קינדער אן קיין גרעניץ!** אין **ספרים הק'** שטייט נאכמער, אז אין דעם טאג פורים האט יעדער איינציגער איד דעם כח פון א 'צדיק ופועל ישועות' וואס קען וואונטשן און אלע זיינע תפלות און בקשות ווערן נתקבל לרחמים ולרצון!

לאמיר אלזא זיך מאכן דעם פשוט'ן לאגישן חשבון: אויב אגאנץ יאר איז דאך באקאנט מפי ספרים וסופרים, אז ווען א איד שטארקט זיך אויף א נסיון איז דאס א מורא'דיגע 'עת רצון' צו פועל'ן אויפ'ן ארט באלדיגע ישועות שלא כדרך הטבע, איז דאך 'על אחת כמה וכמה', ווען מ'שטייט אין אזא הויכן טאג, און מען איז זיך מתגבר אויף א נסיון, **איז דאך נישטא די ווערטער צו משיג זיין אונזער כח עליון צו שפאלטן הימלען** און אראפברענגען אלעס גוטס פאר אידישע קינדער, עד בלי די!

דאס איז א געלעגנהייט וואס מיר קענען און טארן נישט פארפאסן בשום אופן! מיר קענען אצינד האבן דעם מאכטפולן כח פון "כל הפושט יד נותנים לו", אינאיינעם מיט דעם הייליגן כח פון התגברות בעניני קדושה, וועלן מיר דאס ארויסלאזן פון דער האנט חלילה?!

מ'קען אפילו זיך אנגרייטן עטליכע נעמען פון אידן וואס דארפן ישועות, און זיי אינזין האבן בשעת מעשה, בדבר ישועה ורחמים. אייגנטליך קען מען זיך אליין אויך אינזין האבן... מ'קען דאך ביי אזא געלעגנהייט אויס'פועל'ן אזויפיל גוטס און אזויפיל רחמים פאר אונזער אייגענע לעבן, פאר אונזער אייגענע משפחה און פאר גאנץ כלל ישראל.

## וישמחו בך ישראל; מיר קענען כביכול מאכן א 'שמחת פורים' פאר'ן רבוש"ע!

צום שלוס לאמיר בלויז איבער'חזר'ן די מורא'דיגע פארכטיגע ווערטער, וואס עס שרייבט דער הייליגער רבי ר' **אלימלך פון ליזענסק** זי"ע (נועם אלימלך אמור) אויפ'ן פסוק **"מוֹעֲדֵי ה' אֲשֶׁר תִּקְרְאוּ אֹתָם מִקְרָאֵי קֹדֶשׁ אֵלֶּה הֵם מוֹעֲדָי"** – אז די אלע ימים טובים וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן זענען טעג פון שמחה פאר אידישע קינדער, לעומת זה ביים אויבערשטן איז די גרעסטע שמחה און תענוג ווען א איד פירט זיך בקדושה מיט ריינע מחשבות, און **דעמאלט איז כביכול א "יום טוב" ביים אויבערשטן!**

דאס איז פשט אין פסוק, '**אֲשֶׁר תִּקְרְאוּ אֹתָם מִקְרָאֵי קֹדֶשׁ**' - ווען ענק וועלן זיך אויפפירן בקדושה וטהרה; '**אֵלֶּה הֵם מוֹעֲדָי**'- דאס זענען מיינע ימים טובים!

דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע איז אונז דא מגלה א וואונדערליכער סוד מכבשי דרחמנא; אז אויך מיר פשוט'ע אידעלעך, אויך אין אונזער נידריגן דור פון יאר תשפ"ד, **קענען מיר כביכול גורם זיין א 'שמחת פורים' ביי כביכול דעם רבוש"ע!** יעדע התגברות אויף שמירת עינים, יעדע קליינע ריר צו האלטן אונזערע אויגן הייליג, ברענגט בפועל א הימלישע שמחה כלפי מעלה! ווי גרויס איז אונזער זכי', ווי גרויס איז אונזער גליק! ישמח ישראל בעושיו - ישמח ה' במעשיו!




# כל הפושט יד נותנים לו

איך וויל דערציילן אן עפיזאד וואס האט פאסירט אין מיינע בחור'ישע יארן, מיט ארום דרייסיג יאר צוריק, אבער ליגט מיר אין זכרון מיט דער גאנצער פרישקייט.

געווען איז עס פורים ביינאכט אין ישיבה. נאך קריאת המגילה האט מען געפראוועט א לאנגן אויספאסטן און דערנאך א פורים סעודה, וואס האט זיך געצויגן ביז צוויי אזייגער ביינאכט. נאכ'ן בענטשן זענען די בחורים געגאנגען זיך לייגן, צו זיין אויסגערוט אויפ'ן מארגנדיגן טאג מיט אלע מצוות היום, און קענען טאנצן און שפרינגען כנערים ממשתה נגינתם. מיטאמאל האב איך באמערקט ווי צוויי בחורים שארן זיך ארויס פון ישיבה שטילערהייט.

איך בין נייגעריג געווען צו וויסן וואו זיי זענען געגאנגען אין אזא שפעטער שעה. צומארגנס האב איך באגעגנט איינעם פון די בחורים, און אים האב אים געפרעגט וואו ער איז געגאנגען אינמיטן נאכט. יענער האט געקווענקלט א מינוט, אבער דאן האט ער מחליט געווען אז ער האט נישט וואס צו באהאלטן.

"אין צוויי וואכן פון יעצט איז בין הזמנים," האט ער דערציילט, "און איך וועל אי"ה אהיימפארן אויף פסח צו מיינע עלטערן וועלכע וואוינען אין אויסלאנד. ס'איז נישט קיין סוד אז דער לופטפעלד און די וועגן בכלל זענען אנגעפילט מיט שווערע נסיונות. יעצט איז דאך פורים, וואס די ספרים הק' שרייבן אז מ'קען אויסבעטן אלעס ביים אויבערשטן, איבערהויפט אין עניני רוחניות. בין איך געגאנגען אין וואלד אריין צוזאמען מיט א חבר, און דארט האב איך הייס מתפלל געווען אז איך זאל קענען דורכמאכן די נסיעה אן קיין שום מכשול!"

איך בין געווען זייער איבערגענומען פון זיין ערליכקייט און פשטות. אבער די מעשה איז נאכנישט פארטיג.

נאך בין הזמנים האב איך געטראפן דעם בחור צום נייעם זומער זמן. האט ער מיר דערציילט אז זיין תפילה פורים ביינאכט איז וואונדערליך נתקבל געווארן, ווען דורכאויס דעם גאנצן וועג איז ער נישט נכשל געווארן אפילו מיט איין ראיה אסורה, אפילו בטעות!

מה שאלתך וינתן לך!

שלום יצחק פ. בארא פארק

הרה"ק הבית אברהם מסלאנים זצ"ל:

**וְאַתֶּם כִּתְבוּ עַל הַיְּהוּדִים - איר זאלט אריין שרייבן אין אידישע קינדער. כַּטּוֹב בְּעֵינֵיכֶם – זיי זאלן האבן גוטע אויגן.**

(קובץ שיחת קודש, בית אברהם, סלאנים)




# ברצון איש ואיש...



רינדעכיגן טישל וואו אידן לאזן זיך הערן מיט זייערע **רעיונות** און **עצות**, **חיזוק** און **קוראזש**, אלעס ארום שמירות עינים אין פורים.

## פורים אין די אויסגאבעס

איך האב באמערקט ביי מיר אז די עיקר שוועריגקייט פורים איז צוליב נייגער, א סארט מורא אז מ'זאל נישט פארפאסן אלעס וואס טוט זיך אין דעם פריילעכן טאג אין די גאסן. האב איך מחליט געווען אז איך נעם צוויי צוואנציגערס, און נאך פורים וועל איך קויפן אלע בילדער אויסגאבעס, און דארט וועל איך זען אלע אינטערעסאנטע און טשיקאווע בילדער, סיי פון די חצרות הקודש און סיי פון אלע אידישע גאסן ארום דער וועלט.

ס'איז א מאדנע עצה? שוין, פורים מעג מען דאך טון מאדנע זאכן...

*(-) וויליאמסבורג*

## א טאנץ פאר דריי טויזנט דאלאר

איך וויל מיטטיילן א מעשה וואס איך האב אליין מיטגעהאלטן, וואו ס'האט זיך ארויסגעוויזן דער מי כעמך ישראל מיט די שענסטע פארבן:

פאריאר יו"ט פורים איז ב"ה געווען א שטארקע התעוררות אכטונג צו געבן אויף עניני צניעות ביים ארומגיין ביי די הייזער. איך האב געהאט די זכיה צו גיין נאך געלט מיט א קבוצה בחורים. מיר האבן אפגעמאכט פון פריער אז אויב געפינען זיך פרויען אינעם צימער וואו מ'טאנצט, וועלן מיר שיינערהייט בעטן פונעם בעל הבית אויב מ'קען זיי ארויסשיקן למען טהרתן של ישראל, און נאר אויף דעם אופן קענען מיר טאנצן דארט.

ס'איז געווען גאר איינדרוקספול ווי כמעט יעדער האט גוט פארשטאנען און זיך צוגעשטעלט. טייל האבן געבעטן אז זיי ווילן קודם ענדיגן די סעודה און מ'זאל שפעטער צוריקקומען.

איין פאל איז אבער געווען וואו דער בעל הבית האט בשום אופן נישט מסכים געווען זיי ארויסצושיקן. נאכ'ן זען אז מיר גרייטן זיך בלית ברירה צו פארלאזן דעם פלאץ, האט ער אונז פארגעשלאגן אז ער גיבט אונז דריי טויזנט דאלאר! אבער די בחורים האבן זיך שטאלצערהייט אויסגעדרייט און ארויסגעגאנגען, זאגנדיג צווישן זיך, "מיר האבן דערלייגט דריי טויזנט דאלאר, אבער פארדינט מיליאנען!"

ס'איז זיכער אז אייערע שטענדיגע פעולות קדושות אין דעם געביט האט צוגעברענגט דעם געוואלדיגן אש קודש ביי כלל ישראל צו זיין אזוי הייליג און אפגעהיטן במשכ'ן פורים, און דאס וועט אוודאי ברענגען נאך און און נאך תוצאות לטובה אין אסאך ענינים.

אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרין!

*א בחור וואס האט לייער הנאה פון די גליונות*

## אראפ מיט די מאסקעס

צוערשט, א גרויסן דאנק פאר די הערליכע גליונות. איר זענט ממש מחיה נפשות, און אין דעם היינטיגן דור איז עס כמים קרים על נפש עייפה. וויפיל מ'הערט נאר, דארף מען שטענדיג חיזוק אויף דעם ענין.

איך וויל מיטטיילן אן עצה אויף שמירת עינים וואס איך האב געטון שוין עטליכע מאל פורים:

א גאנץ יאר האבן מענטשן א בושה צו טון געוויסע הנהגות, ווייל מ'האט מורא אז אנדערע זאלן נישט אנקוקן ווי מ'איז צו פארפרומט און מאדנע. דאס איז אזוי פון שושן פורים ביז תענית אסתר, ווען קיינער זוכט נישט צו ארויסשטארצן און טון מאדנע זאכן.

קומט אבער פורים, איז וְנַהֲפוֹךְ הוּא. יעדער זוכט צו אויפקומען מיט אייגנארטיגע רעיונות און ארויסשטארצן מיט זיינע אריגינעלע בייפאלן. נו, איז דאך די צייט זייער פאסיג צו טון וואס מ'וויל אלעמאל טון, נאכדעם וואס דער עולם איז סיי ווי עד דלא ידע - קיינער ווייסט נישט וואס ליגט אין הארצן.

ס'זענען דא פארשידענע זאכן אדער פארשטעלעכצער וואס מ'קען ניצן צו 'פארשטעלן' אומאויסגעהאלטענע ראיות; מיט אביסל שעפערישקייט קען מען אויפקומען מיט עפעס אריגינעל. זאל עס זיין א מאסקע, זאל עס זיין שווארצע ברילן, זאל עס זיין א ברייטער הוט... יעדער קען טון וואס ס'איז אים דאס בעסטע - לַעֲשׂוֹת כִּרְצוֹן אִישׁ וָאִישׁ. דער עיקר איז צו מאכן א נחת רוח פאר'ן באשעפער - כִּי כֵן יִסַּד הַמֶּלֶךְ!

ווי זאגט די וועלט? א גאנץ יאר שיכור, און פורים ניכטער!

*משה גדלי' וו. מאנסי*

## וְרַבִּים מֵעַמֵּי הָאָרֶץ מִתְיַהֲדִים

לכבוד המערכת טהור עינים.

שטייענדיג פאר דעם הייליגן יום טוב פורים, וויל איך איבערגעבן אן אינטערעסאנטן עפּיזאָד וואס איך האב געהאט עטליכע יאר צוריק, וואס צייגט די שיינקייט פונעם אידישן פאלק אין דעם גרויסן טאג, ווי אלעס גייט צו בצניעות ובקדושה.

געווען איז דאס עטליכע טעג פאר פורים, ווען איך האב געדארפט צופארן ערגעץ, און איך האב גערופן א לאקאלן גוי'אישן טעקסי. איידער איך בין ארויס פון זיין קאר, דרייט זיך דער דרייווער אויס צו מיר, און פרעגט מיך ווען ס'גייט זיין פורים, זאגנדיג, "איך האב געהערט אז דאס איז זייער א פריילעכער טאג ביי ענק, און איך בין נייגעריג דאס מיטצוהאלטן פון דער נאנט." איך האב געזאגט ווען ס'איז פורים, און איך בין ארויס פון קאר.

פורים נאכמיטאג ארום 5:00 האב איך ווידער גערופן



א טעקסי. ווען דער קאר איז אנגעקומען, האב איך צו מיין איבערראשונג געזען אז ס'איז דער זעלבער גוי'אישער דרייווער ווי עטליכע טעג צוריק.

"ס'איז ממש אומגלויבליך וואס איז זע," זאגט מיר דער גוי מיט התפעלות ווי נאר איך זעץ מיך אריין. "איך דרייוו שוין דא אין די גאסן פון אכט אזייגער צופרי, און איך קען מיך נישט איבערקומען פון דער איידלקייט דא. טראצדעם וואס מענטשן גייען ארום שיכור און פרייליך, זענען מענער און פרויען אפגעטיילט מיט אזא איידלקייט - עפעס וואס מ'זעט נישט ביי אונז!"

דער גוי איז געווען אזוי איבערגענומען, אז ער פרעגט מיך צי ער קען זיך מגייר זיין. ער וויל געהערן צו אזא פאלק!

צי ער איז טאקע געווארן א איד אדער נישט ווייס איך נישט. אבער אזויפיל איז זיכער אז מיר, וואס זענען געבוירן געווארן צו דעם הייליגן פאלק, דארפן זיין שטאלץ מיט אונזער חלק, און טון דעם קִיְּמוּ וְקִבְּלוּ הַיְּהוּדִים עֲלֵיהֶם, ווי די גמרא זאגט "קיימו מה שקיבלו כבר", צו אנהאלטן אונזער הייליגן שטאנד בקדושה ובצניעות!

*יוסף דוד לעווי, קרית יואל*

## דעם יצר הרע'ס פורים מאסקע

איך פלעג זיך אסאך פלאגן און געהאט שוועריגקייטן מיט נסיונות אין שמירת עינים ביום הפורים. איך האב אבער זיך אלעמאל געוואונדערט וואס איז פשט פון מיינע נסיונות, ווייל איך האב געשפירט ביי מיר אז די סיבה איז נישט ווייל איך האב א שווערע יצר הרע און עס ציט מיר צו קוקן חלילה, אבער דאך האב איך אלעמאל געזען ווי מיינע אויגן פאלן אויף אלע זייטן.

ביז דער רבש"ע האט מיר אריינגעשיינט א קלארקייט און איך שפיר אז ס'איז א תועלת צו מיטטיילן, ווייל עס איז זיכער אז אויך אנדערע וועלן האבן א תועלת דערפון, אויף א גאנץ יאר און אויך אין פורים.

איך האב אנגעהויבן כאפן אז דער יצר האט מיר געכאפט פון אן הונטער-טירל, וויבאלד איך בין א ווארימער יונגערמאן, וואס עס טוט מיר ווי ווען איך זע וויאזוי אנדערע פירן זיך ליידער נישט אויף בצניעות אין די ימי הפורים. עס שטייט דאך אין ספרים הק' אז בעוה"ר זענען דא מענטשן וואס מיינען א פורים איז 'הותרה הרצועה', און בפרט אין עניני צניעות, ואכמ"ל.

אבער טאקע אט דא האט דער יצר הרע זיך אנגעטון זיין 'פורים מאסקע'. ער איז געקומען מיט זיין פרומע שפראך כאילו איך דארף דאך אלעס באמערקן כדי צו ריכטיג ווייטאגן אויפ'ן מצב... דאס איז וואס האט מיר כסדר אויפגעהויבן די אויגן און מכשיל געווען אין אלע זייטן.

ב"ה אז דער רבש"ע האט מיר חונן דעת געווען און איך האב באשלאסן קלאר ביי מיר אז איך פיר נישט די וועלט! עס איז נישט מיינע געשעפטן! עס אינטערעסירט מיר בכלל נישט וואס טוט זיך אויף די גאס! [און אויב וועל איך וועלן אויפטון ווייס איך שוין סיי ווי גענוג... עס פעלט נישט אויס צו מטמא זיין מיינע אויגן דערפאר].

*שמואל כ. ב"פ*

## עצה טובה פאר בחורי חמד

איך בין איינגעשטעלט אין א חשוב'ע ישיבה און עס קומט מיר אויס כסדר צו רעדן צו בחורים בנוגע די גרופעס פורים. במשך די יארן זענען שוין געקומען צו מיר עטליכע בחורים און זיך אויסגערעדט ווי שווער ס'איז זיי מיט שמירת עינים ביים גיין אין די הייזער, און צומאל ווען עס געפינט זיך א נישט ערליכער בחור און ער רעדט אדער פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין.

איך וואלט מציע געווען אז אין די ישיבות הק' זאל זיין אן אפענע שמועס צווישן די בחורים, וועלכע גייען אין הייזער נאך געלט. די בחורים זאלן זיך שטארקן צוזאמען אז מ'גייט זיך היטן די אויגן און זיך פירן בקדושה, ואיש את רעהו יאמר חזק! מ'קען אפילו מסדר זיין אז ס'זאל זיין א דרשה אין די ישיבות איבער דאס וויכטיגקייט און חשיבות פון שמירת עינים אין פורים.

נאך א זאך איז וויכטיג אז יעדער בחור זאל

המשך אויף זייט 8 <<<

# קורצע עצות

*איבערגעגעבן דורך די לייענער*

**~ זיי מתפלל א הייסע תפילה פאר פורים אז דער הייליגער טאג זאל דורכגיין הייליג.**

~ פורים האט מען נישט דעם קאפ אויפ'ן פלאץ. מאך דיר א "פלאן" פון פאראויס וויאזוי דו וועסט היטן דיינע אויגן.

**~ פאר פורים מאך אפ ביי דיר מיט אן אמת: איך בין נישט אינטערעסירט צו וויסן גארנישט אויסער מיין סדר היום. אלעס חוץ פון דעם עקזיסטירט נישט!**

~ חזר דיר איין א ווארעם ווארט אויף שמירת עינים, און האלט עס פאר דיינע אויגן במשכ'ן גאנצן טאג.

**~ נעם א קבלה בלויז אויף דעם איינעם טאג. פורים איז ס"ה 24 שעה.**

~ נעם דיך פאר איידער פורים נישט אריינצוקוקן אין קארס במשכ'ן גאנצן טאג.

**~ זיי מסדר דיין סדר היום אז דו זאלסט דיך נישט דרייען אויף פלעצער וואס ברענגען דיר נסיונות.**

~ טו אן "פורים גלעזער" - אָן א נומער אדער מיט א פארגרעסערונג גלאז. ס'איז דאך פורים אויף דער וועלט!

**~ טראכט אריין: פורים איז דער פרייליכסטער טאג. וואס איז דען א גרעסערער שטער צו שמחה ווי נישט היטן די אויגן?**

~ האב גרייט וואס צו טון אדער טראכטן ווען דו שטייסט ליידיג. רוב נסיונות קומען ווען מ'טוט גארנישט.

**~ אויב גייסטו נאך געלט, גיי אינאיינעם מיט אן ערליכן חבר אדער קבוצה. נאך בעסער אויב שמועסט מען זיך אפ פארדעם אז מ'גייט היטן די אויגן.**

~ בחורים: מאך זיכער אז דו גייסט מיט א סביבה פון ערליכע בחורים. דו ביסט א ליכטיגער בחור, אבער דיין סביבה קען דיך אוועקשלעפן.

**~ אפילו דו הערסט אדער באמערקסט עפעס אינטערעסאנט, הייב נישט אויף דיינע אויגן איידער דו ביסט זיכער אז ס'איז נישט דא קיין חשש פון ראיות אסורות.**

*דו מיטיילן אייער מעשה, עצה, געדאנק רופט 845.999.4114 עקס. 1-2*




>>> המשך פון זייט 7

געדענקן, אז דו ביסט בכלל נישט 'ראנג' אדער 'מאדנע' אויב די גייסט נישט אין א גרופע ווייל די שפירסט אז ס'איז נישט פאר דיר. אויב האסטו מורא אז מ'וועט דיר פארהאלטן פאר'ן נישט אריינברענגען געלט, בעט דיין פאטער זאל רעדן מיט'ן מנהל אדער מיט די אנדערע וועלכע פירן אן די צדקה אקציעס. זיי וועלן בלי ספק דיך פארשטיין אז זאלסט קענען בלייבן מיט דיינע קבלות טובות.

עס זענען דא בחורים וואס שעמען זיך און זיי מיינען אז זיי 'מוזן' זיך צושטעלן צו די אנדערע בחורים. מ'דארף נעמען די קוראזש און טון וואס מ'האט צו טון.

*חיים מ. ל.*

## אפשר בעסער אין ביהמ"ד

במשך עטליכע יאר האב איך געהאט א קביעות ארומצוגיין פורים ביינאכט אין הייזער פאר א וויכטיגע צוועק און כ'האב טאקע געמאכט שיין געלט, אבער ס'האט מיך שטענדיג געבאדערט די חלק פון שמירת עינים, וואס האט היבש אונטערגעהונקעט ליידער.

איין יאר האב איך מחליט געווען אז איך גיי טוישן מיין מהלך. אנשטאט ארומצוגיין ביי די הייזער נאך געלט פורים ביינאכט, וועל איך ענדערש זיך לייגן שלאפן פרי, אויפשטיין גאר פארטאגס, דאווענען פרי, און דאן ארומגיין אין בית המדרש ביי די מנינים נאך געלט.

אזוי האב איך טאקע געטון און איך בין געווען ממש איבערראשט וויפיל געלט איך האב געמאכט - אסאך מער ווי ביי די הייזער! בנוסף דערצו האב איך מזכה געווען אידן מיט די מצוה פון 'מתנות לאביונים - בו ביום', ווייל מיין צוועק איז טאקע געווען אזא צדקה וואס כ'האב איבערגעגעבן אין דעם זעלבן טאג.

איך וואלט רעקאמענדירט אויך פאר אנדערע אידן: פרובירט דאס אויס! טוישט אויף דאס גיין אין די הייזער ביינאכט און גייט ארום ענדערש ביי די מנינים אינדערפרי, און ס'זייער מעגליך אז איר וועט מאכן נאכמער געלט און בלייבן מיט ריינע אויגן אין אזא הייליגן טאג.

*י. כהן, וויליאמסבורג*

## פורים'דיגע גלעזער

אן עצה וואס איך האב געטון לעצטע יאר פורים: איך האב געקויפט גלעזער אן קיין נומער, און דאס אנגעטון א גאנץ פורים אנשטאט מיין געהעריגע גלעזער, אן דעם וואס איינער זאל אין אכט נעמען אז עפעס איז מאדנע. איך האב דאס געהאט אין גאס, ביים גיין נאך געלט, און נאר אין בית מדרש האב איך געהאט מיין געהעריגע גלעזער. ב"ה ס'איז געווען אן אפגעהיטענער פורים.

א דאנק פאר אלע גליונות. איך בין היינט א יונגערמאן, און איך ליין שוין אלע גליונות פון אלס אינגל. חזקו ואמצו!

*יחזקאל הלוי ש.*




**למען תספר**

בס"ד וועט ערשיינען אינעם גליון פון יום טוב פסח הבעל"ט א רייכע אפטיילונג

**מי כעמך ישראל**

וואו ס'וועלן ווערן פארעפנטליך איבערלעבענישן און עפיזאדן פון אידן פון וועלכע ס'שיילט זיך ארויס די שיינקייט פון כלל ישראל מיט שמירת עינים, טראץ די אלע היינטיגע שווערע נסיונות.

**אויב האט איר סיי וועלכע דערציילונג אין דעם געביט - וואס איר האט אויפגעפאסט ביי א צווייטן איד, א חבר, אדער ביי די עלטערן און זיידעס - זייט מזכה את הרבים און טיילט דאס מיט מיט אנדערע אידן!**

**רופט אריין 845.999.4114 עקס. 1-2**

**ברכת מזלא טבא**

לכבוד הרבני הנכבד
מוה"ר **משה צבי בראן** הי"ו
לרגל שמחת נשואי בתו למז"ט עב"ג
הכה"ח **שמואל** נ"י
בן שה"ר **מאיר מענדל ווייס** הי"ו

זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימינו שיזכה לבנות בית נאמן בישראל ויתברך בכל מילי דמיטב אמן.

**טהור עינים**
תנה בני לבך לי ועיניך

**845.999.4114**
נאכן דריקן 1 פאר אידיש

1. נדבה ליין
2. איבערגעבן א מעשה, עצה, געדאנק
3. הפצה אפטיילונג
4. אויפסיינען אויף אימעיל
9. מערכת אפטיילונג

7 Beer Sheva #301 Monroe NY 10950
info@tahoreineyim.org

המערכת בלשה"ק **077.401.6591**
כתובת המערכת בשה"ק: עבודת ישראל 26, ירושלים 9515528

המערכת בענגליש: **732.532.2242**

המערכת בספאניש: **054-115-219-8810**

**"טהור עינים" זוכט געטרייע אידן וואס זענען גרייט אפצושרייבן מעסעדשעס וואס פליסן אריין צום מערכת.**
אויב זענט איר גרייט ארויסצוהעלפן, אדער אויב ווילט איר העלפן מיט'ן פארשפרייטן די גליונות, רופט אריין
**845.999.4114 #1-9**

**ברכות און השפעות**
דורכ'ן מזכה זיין כלל ישראל מיט שמירת עינים

**הצלחה אין פרנסה**
זוהר הקדוש
**ערליכע קינדער**
זוהר הקדוש
**עשירות**
אמרי נועם ועוד
**רפואת הגוף והנפש**
הרה"ק רבי לייבלע אייגער
**מחילת עוונות**
עטרת יהושע
**הצלחה בתורה**
בית אברהם ועוד

**הצלה ממאורעות הזמן**
הרה"ק רבי אורי מסטרעליסק
**אריכות ימים ושנים**
אבן עזרא
**יראת שמים**
דברי שמואל
**קרבת אלקים**
רבינו בחיי ועוד
**ניצול מצער גידול בנים**
הרה"ק רבי אורי מסטרעליסק
**שמירה מכל רעה**
תפארת שלמה ועוד

**זכות הוצאת הגליון**
$6,000

**זכות הדפסת הגליון**
$1800

**חלק בהפצת הגליון:**
זכות עמוד בגליון
$900
זכות 2,000 גליונות
$360
זכות 1,000 גליונות
$180

**מזכי הרבים** | חודש'ליכע שותפים
$100 לחודש
$50 לחודש
$25 לחודש

24 שעה

עקס. 1-1 **845.999.4114**

כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו

**על הטוב יזכר**

**זכות עמוד בגליון**
מוה"ר **שמעון ווייס** הי"ו
לע"נ אביו הרה"ח ר' **בנימין חיים זאב**

**זכות עמוד בגליון**
מוה"ר **משה צבי בראן** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

**זכות 3000 גליונות**
**לזכות הנדבן** - ולע"נ הרה"ק רבי **אלימלך** בן רבי **אליעזר ליפמאן מליזענסק** זצ"ל ולברכה והצלחה בכל ענינים

**זכות 2000 גליונות**
מוה"ר **שאול בראן** הי"ו / **לזכות הנדבן** - לברכה והצלחה בכל ענינים

**זכות 1000 גליונות**
מוה"ר **נפתלי הירצקא זינגער** הי"ו - לרגל הולדת בנו למז"ט / מוה"ר **חיים בצלאל בלום** הי"ו / **לזכות הנדבן** - לברכה והצלחה בכל ענינים